Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1943

סעדָא

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

פונוויַיטנ ווענדט דעמ בליק צו דיר דער ארסענאל,
זאָלסט אימ אפ שלאכטנ גרויזאמע אפ אומשטערבלעכע בענטשנ!

פארטיַיעט ליגט אינ הארבסט דיַינ טרויעריקע פראכט.
די שטערנ מעלדנ עפעס איינס דעמ אנדערנ מיט ווינקענ.
דער, וואָס האָט טרערנ אינ געזאנג דיַינעמ געבראכט,
וועט זיכ אינ בלוט אינ אייגענעמ דערטרינקענ!

דורכ טויערנ צעבראָכענע, דורכ ברענענדיקער טיר,
מיט ווינטנ פונעמ דניעפּער, גרויזאמע אונ צארטע,
קומענ קאָבזארנ בלינדע אויסשפּילנ אפ דיר
די ליד די רומפּולע פונ זאפּאָראָזשיער שלאכטנ.

א יעדעס בערגעלע מיט פינגער צערטלענ וועלנ זיי
אונ איבערציִענ יעדער גאס מיט שטראלנ פונ באגינענ,
א שפּיל געבנ: — די, וואָס מיט בליַי האָבנ געטראָטנ דיַינ פארזיי,
וועלנ א קייווער בא דער שוועל דיַינער געפינענ!

צו גרויענ קאָפּ דיַינעמ די צוקונפט לייגט זיכ צו,
דאָס גאָלד פונ הארבסט זיכ לייגט אפ דיַינע שולטער;
אונ דריַי מאָל שטאָלצ אונ דריַי מאָל שיינ אצינד ביסטו,
ווענ גייסט אינ שלאכט ארויס מיט מוט אנ איבערפולטער!

★✦★

## אָדעס

דער הארבסט פלעכט זיבנ לאָקנ גאָלדענע דיר איַינ
אונ גיסט דיר זאפטנ אָנ מיט קישעפ אינ די לענדנ, —
דיַינ איינס-אפ-איינס דיַינ שטאָלצער מיט דעמ פיַינט
ווערט פאָרגעזעצט — באגיַיסטערנד אונ בלענדיק!

דאָס איז אומשטערבלעכקיַיט. איר פיַיערלעכע שוועל
טרעט זי, באלאגערטע, אריבער מונטער אונ געלייַטערט!
קאנאָנענ גרויזאמע דיקטירנ דעמ באפעל
אונ קריצנ איַינ אימ אינ דער טיפ פונ אלע ציַיטנ.

דיינ בויגנ — שטיַיפ. די פיַילנ — שארפ.
דער פיַינט א שלייפ אפ דיר א שטאָלענעמ פארוואָרפט דאָרט;
אונ ס'שווימט א זעגל-שיפ צומ האפנ ווי א הארפ,
זאָלסט אפ איר אויסשפּילנ דיַינ נאָבעלע געוואגטקיַיט

דו וועסט באוווײַזן אלץ: — צו שלאכט און צו געזאנג
דעם פֿאָלגעוודיקן ווינט אין אויסשפּיר אויסצוריכטן;
אין יארוסנ האָט זיך דײַן ברעג פאנאנדערוואָרפֿן בלאנק,
פֿון אויבן — א קאַנאָן און נעבן אים — דער דיכטער.

זיי שטייען איינס לעם אנדערן באם יאם,
אין ווײַט געווענדט, פאר שטורעם-ווינטן — אָפֿן;
עס צינדט דאָס וואָרט די הערצער מיט א פלאם
און טראָגט ווי א נעוווּע זיך פֿון דאָרעם ביז דעם צאָפֿן:

— ס'וועט רוסלאַנד הערשן איבער יאמען פרײַ,
און קיינער וועט זײַן סקיפּן-קויעך ניט פארשקלאפֿן.
אָדעס! צו שיפֿן וואָגלענדע זיך שטרעקן וועט געטרײַ
מיט פײַערן פֿון טרייסט דײַן מוטערלעכער האפֿן!

אין טיף פֿון יאם דערטרונקען ליגט דײַן אָל,
די וועגן צריק זײַנען פארשטעמפּלט פאר זײַן אָנקום.
אין קאראול — פֿון אופשטאנדן דער שטערן-אָרעאָל,
און אפֿן רעיד — ס'געשפּענסט פֿון פאנצער-שיף „פּאָטיאָמקין".

א זיג-קראנץ יעטווידער פֿון זיי דיר אָנטאָן דארף,
נאָר לאָרבן ווילן אפֿ דער זון זיך נאָך א באק טאָן;
אָדעס! די זיבן לאָקן דײַנע גאָלדענע צעווארף,
דערצייל דעם פֿײַנט וועגן דײַן נאָבעלער געוואגטקײַט!

דערצייל וועגן דעם דנאָ פֿון שווארצן יאם,
ווּ ס'איז די ווײַסע פעסט געגויט געווען אראָפּגיין;
זי וועט געוויס א רוק טאָן זיך און מאכן גראם
פאר געסט אזעלכע כאָשעווע אין אָפּגרונט!

דערצייל געגוי, מיט קילן און מיט שטאָל.
דערצייל דורך הייסע גאָרגלען פֿון הארמאטן,
ווי ס'האָבן זי געיאָגט צום דנאָ פֿון בארג און טאָל
מאטראָסקעס יאם-בלויע און יאם-בלויע בושלאטן.

דערצייל מיט פלאם, מיט פֿײַער און מיט בלײַ.
די היץ לאָזט פֿון קיין בלעטל ניט אראָפּ קיין שאָטן!
פארטיידיקן דײַן רוים און רום, אנטבלויזט דאָס לײַב
ווי אפֿן פליאזש, זײַנען ארויסגאנ דײַנע שטאָט-לײַט

מיט טרוקנ ברויט אונ וואסער אונ מוזיק.
דאָס לעבנ אָפּגעבנ פאַר דיר וועט זיי ניט ווי טאָנ;
נאָר צריקוועגס וועלנ זיי דיר ברענגענ זיג,
ווי א געליבטער ברענגט מענ צומ געבורטסטאָג קוויטנ.

זיי וועלנ אומקערנ זיכ צריק צו דיר, אנטבלויזט,
ווי ס'קערנ בינענ אומ אינ בינשטאָק זיכ מיט האָניק,
דורכ דיַינע הונדערט פּופּציק וויַיסע טרעפּ
וועלנ זיי אופטראָגנ דיַינ שטאָלצ אינ רויטע פאָנענ,

אינ טרויער האָבנ גערטנער אויסגעהיט די פּראכט,
פונ יאמ געטראָגנ האָבנ ווינטלעכ זיי דעמ אָטעמ;
דו זעסט? ווי אפּ א ראוט גייט מיט מונטערקייַט אינ שלאכט
דיַינ אומבאזיגבארע שווארציאמיקע פּעכאָטע!

עס יוקט בולוואר זיכ איבער מיט בולוואר,
עפּעס מיט פיַיער מאכט דאָרט וויסט א שפּארבער;
נאָר ס'קערט זיכ אומ פונ שלאכט א זונ דיַינער — א גוואר
מיט צוויי אונ צוואנציק קעפּ פונ די פּארדארבער.

עס בליִענ דיַינע לאָקנ דיַינע גאָלדענע אינ בלענד,
מיט זאפט באטרינקט דער הארבסט זיי שטיל פאַר זיגנ.
ניט צורירנ צו זיי וועלנ זיכ קיינמאָל פרעמדע הענט,
אונ קיינמאָל וועט קיינ פרעמדער שויס דיכ ניט פארוויגנ!

